

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' **אביגדור מיללער** ז"ל

## פרשת וישלח

# א קוש פון עשו

**פרנס השבוע**

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת וישלח

# א קוש פון עשו

יונה האט ארייגעשפאנט אין ספרים צימער און באמערקט א קאלירטע קאנווערט אויפן טיש, וואס האט געצויגן זיין אויג. 'וואס איז דאס?' ער האט געהאפט אז דאס איז פאר אים. אפשר האט מיר איינער געשיקט א בריוו?' האט ער געקלערט צו זיך. ער געבט נאר איין קוק און באמערקט גלייך אז דער בריוו איז אויסגעשטעלט צו די קינדער פון 'אוניווערסיטי סיטי'. 'אה, דאס מיינט זיכער מיר,' האט ער גלייך פארשטאנען. און מיט איין אימפעט האט ער אויפגעריסן דעם קאנווערט, פארגעסנדיג אז מען דארף פרעגן רשות פון עלטערן פאר מען עפנט פאסט.

מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם האט יונה ארויסגעצויגן א קארטל און ארויסגעליינט:

**מעיאר מעקיגלאדי האט ליב אלע קינדער פון אוניווערסיטי סיטי, אבער נאר איינער קען זיין זיין בעסטע פריינט!**

ווילסטו זיין דעם מעיאר'ס בעסטע פריינט? דאן דארפסטו ארייגשיקן א בילד וואס ווייזט ווי דו ביסט דעם מעיאר'ס פריינט!

דער גליקליכער געווינער וועט באקרוינט ווערן ביי די צעראמאניע אין דער אוניווערסיטי זו, און ער וועט קענען פארברענגען מיטן מעיאר א גאנצן טאג. דער מעיאר וועט באשטעלן די בעסטע עסן (אויב דער געווינער וועט זיין א איד וועט מען צושטעלן כשר'ע עסן).

**ווילסטו זיין דער גליקליכער געווינער? דאן שיק אריין דיין בילד און דו ווערסט דעם מעיאר'ס בעסטע פריינט!**

יונה האט אראפגעלייגט דעם קארטל פארטראכטערהייט. ער מוז זיין דער געווינער."אה, איך האב שוין א גוטע עצה," האט ער גערעדט צו זיך.

"מאמי, איך גיי נאר ארויס פאר א מינוט, צו דער אנדערער זייט גאס. איך קום שוין צוריק," האט יונה גערופן צו זיין מאמע, ארויסלויפנדיג פון הויז. מיט א תפילה צום באשעפער, אז ער זאל טרעפן דאס וואס ער זוכט אזוי וויכטיג, איז ער שנעל אראפגעלאפן די גאס.

'אה, דאס איז עס!' האט ער כמעט געוואלט אויסשרייען פאר פרייד, אבער ער האט זיך דערמאנט אז ער איז אין גאס... דארט אין דעם גרויסן מיסט קאסטן האט ער געטראפן דאס וואס ער האט געזוכט. היינט נאכמיטאג, אויפן וועג אהיים פון חדר האט ער באמערקט ווי עס שטעקט זיך ארויס א פלאקאט מיט א בילד פון דעם געערטן מעיאר. פאר יונה איז בייגעפאלן אז דאס וועט אים צוניץ קומען פאר דעם פארמעסט פון מעיאר.

שנעל האט ער עס ארויסגענומען פון מיסט קאסטן, עס איינגעדרייט און אהיימגעלאפן, זיך צו קענען נעמען צו דער ארבעט.

אינדערהיים האט ער גענומען א מארקער און מיט זיין שענסטע האנט שריפט האט ער אויפגעשריבן אויפן פלאקאט, ״איך האב ליב דעם מעיאר!״

״געוואלדיג!״ האט ער גערעדט צו זיך, באטראכנדיג זיין ארבעט, ״אויב איך וועל נעמען א בילד פון דעם פלאקאט און עס ארייננשיקן צום מעיאר׳ס אפיס, וועל איך זיכער זיין דער געווינער!

ווי יונה האט געהאלטן אינמיטן אויפהענגען דעם בילד אין זיין צימער, האט ער פון א זייטיגן אויג באמערקט דעם טאטןביים טיר, ווי ער שטייט פארוואונדערטערהייט.

״וואס איז דאאאס?!״ האט דער טאטע נישט געקענט פארשטיין, ״פארוואס הענגסטו אויף דעם בילד פון דעם גוי׳שן מעיאר דא אין הויז?!״

אין איין אטעם האט יונה דערציילט פארן טאטן איבער דער פארמעסט פונעם מעיאר, ״טאטי, שטעל זיך פאר אז דיין אייגענע זון איז דער מעיאר׳ס בעסטער פריינט!״ האט יונה גערעדט מיט באגייסטערונג, ״אוי, וועסטו שעפן אסאך נחת פון מיר!״

״יונה?? נחת?? דאס איז דער נחת וואס איך וועל האבן פון דיר?! נחת האב איך ווען דו לערנסט די הייליגע תורה און טוסט מצוות. מיר האבן נישט קיין שום שייכות מיט גוים, אפילו מיטן מעיאר.״




דער טאטע האט זיך אראפגעזעצט אויף יונה׳ס בעט און צוגערופן יונה פאר א שמועס. ״איך וויל דיר מסביר זיין עפעס וויכטיג אין לעבן. דיין רבי האט שוין געלערנט וואס עס איז פארגעקומען צווישן יעקב און עשו?״

״יא,״ האט יונה זיך דערמאנט, ״עשו האט געוואלט בייסן יעקב אבינו אבער דער אויבערשטער האט געמאכט א נס און ער האט אים געקושט אנשטאט דעם.״

״זייער גוט,״ שמייכלט דער טאטע, ״אבער דו

ווייסט וואס הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל, זאגט אויף דעם? אז ס'איז בעסער א בייס ווי א קושן!"

"פארוואס?" האט יונה נישט געקענט פארשטיין, "ס'איז אזוי גוט ווען די גוים האבן אונז ליב, נישט אזוי?"

"קוק אהער, יונה," האט דער טאטע געענטפערט, "ס'איז טאקע א חסד השם ווען די גוים ערלויבן אונז צו לערנען און היטן די תורה, אבער מיר דארפן זיין זייער פארזיכטיג מיט דעם, ווייל אין די מינוט וואס מען הייבט אן צו ווערן גוטע פריינט מיט די גוים איז עס א גרויסער סכנה.

דו ווייסט, ביז פאר פיר הונדערט יאר צוריק איז יעדער איד געווען א שומר תורה ומצוות! ס'איז נישט צום גלייבן וואס ס'איז געשען צו כלל ישראל אין די לעצטע פיר הונדערט יאר. די גוים האבן אנגעהויבן צו זיין גוט צו די אידן און דאס האט צוגעברענגט א חורבן. אסאך אידן זענען געווארן גוטע פריינט מיט די גוים און אנגעהויבן זיך אויפצופירן ווי זיי, ביז זיי האבן אינגאנצן אפגעלאזט אידישקייט, רחמנא ליצלן, און געווארן פריי. אסאך האבן ליידער חתונה געהאט מיט די גוים. און דאס איז געקומען נאר ווייל מען איז געווען בעסטע פריינט מיט זיי.

פארשטייסט? מיר רעספעקטירן די גוי'שע פירערס, מיר 'וואויטן' פאר זיי, אבער מיר האבן זיי אויסדריקליך נישט ליב!" האט דער טאטע שארף אויסגערופן. מיר האבן ליב די גדולי הדור און תלמידי חכמים. זיי זענען אונזערע בעסטע פריינט און מיט זיי וועלן מיר שטאלצירן!"

יונה האט זיך פארטראכט א מינוט, "ריכטיג, איך וויל טאקע נישט זיין דער בעסטער פריינט פון עשו. איך וויל זיין חברים נאר מיט די ערליכע אידן וואס לערנען תורה און היטן אירע מצוות."

יונה האט זיך פארטראכט א מינוט,און דאן האט ער זיך אנגערופן " טאטי, אויב וואלטען מיר געוואונט אין ארץ ישראל וואלט עס נישט געווען קיין פראבלעם ריכטיג? ווייל די פאליטיקאנטען דארט זענען אידן זיי זענען נישט קיין עשו?"

"אוי געוואלד און געשריגן!" האט דער טאטע זיך דערשראקן, "אזוי צו רעדן? זיי זענען נאך ערגער ווי די גוים. ווער מיינסטו איז עשו געווען? ער איז געווען דער זון פון יצחק אבינו, דער ברודער פון יעקב אבינו. די גמרא ברענגט אז עשו איז געווען ווי א איד וואס היט נישט די תורה. די אידישע רשעים פון מדינת ישראל, זענען א גרעסערע 'עשו' ווי דער מעיאר מעקיגלאדי! זיכער טארן מיר נישט האבן קיין שום שייכות מיט זיי!"

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכויות שמורות